**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**דערקלערונג פון גאווערנער קעטי האקול און אטורני גענעראל לעטישע דזשעימס**

נאכפאלגענדיג די היינטיגע נייעס אז אינסטאגראם וועט איינפירן נייע זיכערהייט אייגענשאפטן פאר מינדעריעריגע אויף אירע פלאטפארמען, גאווערנער האקול און אטערני דשענעראל דשעימס האבן פאראייניגט ארויסגעגעבן די נאכפאלגענדיגע דעקלערונג:

"אונזער קינדער זענען אויסגעשטעלט צו א גייסטישע געזונטהייט קריזיס געטריבן דורך אדיקטיווע סאושעל מידיע פיעדס - און די טוישונגען געמאלדן היינט דורך אינסטאראגראם זענען באווייז אז ניו יארק'ס פאלק-פירענדע געזעצן טוהן שוין מאכן א מאכטפולע ווירקונג צו שיצן קינדער אנליין.

אין יוני, אונז האבן איינגעפירט די SAFE פאר קינדער אקט (SAFE for Kids Act) - אונזער ערשטע-אין-די-פאלק געזעץ צו איינצוימען אדיקטיווע פיעדס און אפשטעלן שפעט אין די נאכט נאטיפיקאציעס פאר מינדעריעריגע אין ניו יארק. נאר דריי מאנאטן שפעטער, אינסטאגראם האט געזאגט אז עס וועט אפשליסן שפעט אין די נאכט נאטיפיקאציעס פאר אלע מינדעריעריגע איבערן פאלק, צוזאמן מיט שאפן מער איבערזעער געצייג פאר עלטערן. דורך נעמען שטארקע און אנטשלאסענע שריט, ניו יארק האט געהאלפן פארזיכערן אז מיליאנע קינדער איבער די פאלק וועלן האבן גרעסערע באשיצונגען.

לאמיר זיין קלאר - אונזער קאמף צו באשיצן קינדער אנליין איז ווייט פון גענדיגט, און אינסטאגראם'ס מעלדונג איז נאר איין שריט אין די ריכטיגע ריכטונג. די SAFE פאר קינדער אקט וועט אויך קאמבאטירן אדיקטיווע אלגאריטעמס און אונזער קינדער דאטא באשיצונג אקט וועט איינצוימען אנליין זייטלעך פון זאמלען און פארקויפן אונזער קינדער'ס דאטא. יעדער סאושעל מידיע פלאטפארם - אריינגערעכנט אינסטאגראם - וועט מוזן שפילן סיי די רולס אין ניו יארק, פונקט ווי זיי זאלן איבער די פאלק. אונז וועלן קיינמאל נישט אויפהערן צו קעמפן צו באשיצן אונזער קינדער - און אונז קוקן ארויס צו ווייטער פארזעצן דעם וויכטיגע ארבעט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן